

BACK2**BASICS**

פרשת דברים

**DEVORIM**

# A TEACHER'S SILENCE

*Why did Hashem mention Golus to Avraham during the Bris Bein Habesarim? Why were the Keruvim facing each other during the destruction of the Beis Hamikdosh? A deeper insight into the reality of exile.*

# פרשת דברים

1 ג. דער אָנהויב פון בשורת הגלות האָט זיך אָנגעהויבן בברית בין הבת־רים. ווי עס שטייט דאָרטן "אימה חשכה גדולה גו' "[11], וואָס דאָס איז אַ רמז אויף די פיר גליות.

2 דער ענין פון אַ כריתות ברית איז, אַז אין וואָס פאַר אַ מצב עס זאָל ניט זיין, אַפילו אויך דעמאָלט ווען עס איז ניטאָ קיין יסוד און טעם אויף אהבה, אדרבה עס זיינען דאָ טעמים אויף היפך האהבה, פונדעסט־וועגן זאָל זיין די אהבה בתקפה. דאָס איז דער אויפטו פון דעם כריתות ברית.

אויף אַ זמן וואָס עס זיינען דאָ טעמים אויף אהבה, דאַרף מען ניט האָבן קיין כריתות ברית. דער אויפ־טו פון דעם כריתות ברית איז אַז די אהבה זאָל זיין אַלע מאָל, וואָרום דאָס איז ניט קיין אהבה שעל פי טעם ודעת (אַן אהבה התלוי' בדבר, ובמילא איז בשעת בטל דבר, ד. ה. עס איז ניטאָ קיין טעם אויף אהבה, בטלה אהבה), נאָר אַן אהבה עצמית בלי גבול.

3 אין דער צייט פון כריתות ברית לייכט די אהבה עצמית שאינה תלוי' בדבר, בגילוי. מאַכט מען דעמאָלט דעם כריתות ברית, עס זאָל זיין אַן אהבה אַלע מאָל, ניט רעכענענדיק זיך מיט שינוי מעמד ומצב.

לויט דעם איז ניט פאַרשטאַנדיק, ווי קומט עס אַז בשעת דעם ברית בין הבתרים האָט מען דעמאָלט אָנ־געזאָגט אויף דעם ענין הגלות? גלות איז אַן היפך פון אהבה, אַפילו פון אהבה שעל פי טעם ודעת, ומכל שכן פון אַן אהבה עצמית, היינט בשעת עס לייכט די אהבה עצמית, ווי קומט עס אַז דעמאָלט זאָל מען ריידן וועגן גלות?

4 אין פלוג האָט מען עס געקענט פאַרענטפערן, לויט דעם מאמר רז"ל[12] אַז בחר אברהם אבינו שעבוד מל־כיות כנגד גיהנם, וואָס לויט דעם איז דער גלות אַ טובה, ובמילא האָט מען וועגן דעם גערעדט בשעת גילוי האהבה.

אָבער דער תירוץ איז ניט גענוג, וואָרום וויבאַלד אַז מען האַלט ביי גילוי האהבה, ובפרט גילוי אהבה עצמית, דאַרף זיך ניט ריידן כלל ניט וועגן גיהנם און ניט וועגן שעבוד מלכיות.

5 ד. נאָר מען וועט עס פאַרשטיין לויט דעם ווי עס ווערט דערקלערט אין חסידות דער פנימיות ענין הג־לות, וואָס דערמיט וועט אויך ווערן רעכט אַ שווערער ענין על פי נגלה אין גמרא ומדרש.

אין גמרא[13] שטייט וועגן דעם מעמד הכרובים, אַז אין אַ זמן פון עת רצון, ובזמן שישראל עושין רצונו של מקום, איז געווען דער מעמד הכרובים פניהם איש אל אחיו, כמער איש ולויות[14], ובזמן שאין עושין רצונו של מקום, וואָס דעמאָלט איז ניט קיין עת רצון, איז דער מעמד הכרובים פאַרקערט.

אין מדרש[15] שטייט אַז בשעת די

11) בראשית טו, יב ובבראשית רבה פרשה מד, יז.

12) בראשית רבה פרשה מד, כא.

13) יומא נד, א. בבא בתרא צט, א.

14) מלכים א ז, לו.

15) פתיחתא דאיכה רבה ט. יומא נד, ב.

**1** **We currently find ourselves in "The** three weeks"; this is a period in which we commemorate the suffering of the Jewish nation endured throughout our history in exile, specifically the time leading up to the destruction of the Beis Hamikdosh. The first time the concept of Golus is mentioned in the Torah is during the ברית בין הבתרים in which Hashem made a covenant with Avraham that he and his descendants would be Hashem's chosen nation for all eternity. During that covenant Hashem informed Avraham that there would be a time when the Jewish people would suffer i.e. exile.

**2** **Why do friends make a covenant? A** covenant ensures that the feeling of love and loyalty which they are experiencing now will remain forever, regardless of the circumstances. A covenant is a way for friends to express to each other that the relationship they share is not based on reason or motive, but an inherent love that will be there always. After a covenant is made, even if something arises which may normally be reason to discontinue the relationship, or even develop a feeling of hatred; as long as they had previously made a covenant, the love and loyalty will remain strong and steadfast.

**3** **Such a covenant must be made at a** time when this inherent love is strongly felt. This is so that each party can ensure that the strong feeling of affection they are experiencing right now will remain forever. It would seem strange that at such a moment, when Hashem's love for Avraham was shining so strongly, Hashem would choose to mention the future exiles, which seem to be the opposite of love and loyalty.

**4** **There is a Medrash which explains** that Avraham actively chose that his children should endure the pain of exile in exchange for the suffering of Gehinom. According to this explanation, the fact that the Jews suffer in exile is indeed a kindness, relative to the suffering they would have had to endure in Gehenom. This explanation is still insufficient, since at a time when love is shining so strongly, any mention of suffering would seem out of place, regardless of the con-

## Translations. . .טייטש'ן

**1**
- Beginning . . . . . . . . . . . . . . אנהויב
- The announcement of Golus . . . . . . . . . . . . . . . . בשורת הגלות
- Began . . . . . . . . . . . . . . אנגעהויבן
- There . . . . . . . . . . . . . . . . . דארטן
- Fright and great darkness . . . . . . . . . .אימה חשכה
- Four . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . פיר

**2**
- It may be . . . . . . . . . . עס זאל ניט זיין
- Also then . . . . . . . . . . אויך דעמאלט
- There is no foundation . . . . . . . . . . . . . . ניטא קיין יסוד
- Nevertheless . . . . פונדעסטוועגן
- In its strength . . . . . . . . . . בתקפה
- Accomplishment . . . . . . . . אויפטו
- Regarding a time . . . . אויף א זמן
- Doesn't need . . . . . דארף מען ניט
- At all times . . . . . . . . . . . אלע מאל
- Because . . . . . . . . . . . . . . . . ווארום
- Which is dependent on something . . . . . . . . . . . התלוי' בדבר
- This means . . . . . ד.ה. (=דאס הייסט)
- Rather . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . נאר

**3**
- Time . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . צייט
- Shines . . . . . . . . . . . . . . . . . . לייכט
- Then . . . . . . . . . . . . . . . . . . דעמאלט
- Without considering . . . . . . . . . ניט רעכנענדיק
- According to this . . . . . לויט דעם
- Understood . . . . . . . . פארשטאנדיק
- How could it be . . . . . ווי קומט עס
- It should be spoken זאל מען ריידן

**4**
- Seemingly . . . . . . . . . . . . . אין פלוג
- Could have answered . . . . . . . . . געקענט פארענטפערן
- Spoke about it . . וועגן דעם גערעדט
- Not sufficient . . . . . . . . . ניט גענוג
- Since . . . . . . . . . . . . . . . . . . וויבאלד

**5**
- Like it is clarified . . . . . . . . . . . . ווי עס ווערט דערקלערט
- Become legitimate/understood . . . . ווערן רעכט
- A difficult concept א שווערע ענין
- The positioning of the Kruvim . . . . . . . . . מעמד הכרובים
- Like a person hugs/embraces another . . כמער איש ולויות
- Opposite . . . . . . . . . . . . פארקערט

גוים זיינען אַריין אין קדשי הקדשים, האָבן זיי געזען די כרובים ווי זיי זיינען געווען פניהם איש אל אחיו כמער איש ולויות, און זיי האָבן עס פּאַנאַנדערגעשיקט צווישן אַלע פעלקער — ראו למה אומה זו עובדת.

איז דאָך די קשיא, דער זמן החורבן איז דאָך געווען אַ היפך פון עת רצון, איז ווי קומט עס אַז דעמאָלט איז געווען דער מעמד הכרובים פניהם איש אל אחיו?

6 אין חסידות ווערט דערקלערט די פּנימיות הענין פון גלות מיט אַ משל פון השפעת הרב לתלמיד:

בשעת אַ רב איז משפיע שכל לתלמידו, איז ער צוגעטראָגן מיט אַ שימת לב צו דעם תלמיד. בשעת אַז אינמיטן דער השפעה פאַלט אַריין דעם רב אין זיין שכל אַ נייער ענין, איז מצד דעם סדר און טבע פון הברקת השכל מוז מען זיך צוטראָגן צו דער הברקה, און אויב מען טראָגט זיך ניט צו באַלד צו דער הברקה ווערט זי נתעלם, און שפּעטער וועלן ניט העלפן קיינע יגיעות. איז מצד עוצם פּנימיות אהבתו של הרב להתלמיד, וויל ער זיך צוטראָגן צו דער הברקה בכדי ער זאָל איר קענען נעמען און אחרי משך זמן זי איבערגעבן אויך צו זיין תלמיד.

בשעת אַז דער רב איז משים לב צו דער הברקת שכל החדש, איז וואָס מער ער איז צוגעטראָגן צום נייעם שכל, אַלץ שוואַכער ווערט דער שימת לב צום תלמיד און אַלץ שוואַכער איז די השפעה.

7 וואָס דער נייער שכל איז אַ העכערער און אַ טיפערער — אַלץ מער דאַרף זיין דער צוטראָג צו אים, ובמילא ווערט אַלץ מערער דער אָפּטראָג פון דעם תלמיד בשעה זו, ביז אַז ביי דעם תלמיד ווערט אַן ענין פון גלות און חורבן.

דאָס איז אָבער מער ניט ווי אין חיצוניות, אָבער אין פּנימיות הענין איז דאָך דאָס דער תכלית הגילוי, ואדרבה, פון דעם אַליין וואָס עס לוינט דעם רב צוליב טובת התלמיד אָפּטראָגן זיך פון דעם תלמיד צוליב מקבל זיין דעם שכל החדש, דאָס אַליין ווייזט ווי גרויס איז דער יוקר פון דעם נייעם שכל, ביז אַז עס איז כדאַי אַז אויף אַ ווײַלע זאָל ווערן ביי דעם תלמיד אַן ענין פון גלות וחורבן, אַבי אַז סוף כל סוף זאָל מען קענען מגלה זיין דעם תלמיד דעם נייעם שכל.

קומט אויס, אַז וואָס דער העלם איז גרעסער, איז דאָס גופא אַ באַווייז אויף די גרויסקייט פון דעם גילוי, אַז דער שכל החדש איז יקר ביותר, ומצד גודל אהבתו להתלמיד וואָס ער וויל אים מגלה זיין דעם נייעם שכל, איז כדאַי אַז לשעה זאָל זיין אַ העלם וסילוק, אַבי אַז סוף כל סוף זאָל צו אים אָנקומען דער נייער שכל.

8 לויט דעם וועט מען פאַרשטיין די פּנימיות ענין הגלות, אַז הגם אַז אין חיצוניות איז עס אַ גלות וחורבן, אָבער אין פּנימיות איז דאָס תכלית הגילוי ביותר, דער גילוי פון דער גאולה העתידה, ומצד דעם גילוי פון דער גאולה העתידה איז כדאַי אַז לשעה זאָל זיין אַ גלות וחורבן בחיצוניות, אַבי אַז סוף כל סוף זאָל

text in which it is brought.

**5** **The positioning of the Keruvim on top** of the Aron reflected the spiritual state of the Jewish people. At a time when Hashem was pleased with the Jewish people and felt close to them, the Keruvim would be facing each other, and when this feeling didn't exist, the Keruvim would face away from each other. The Medrash tells us that at the time when the nations were entering the Beis Hamikdosh during its destruction, they found the Keruvim in the embracing position, which seems to reflect Hashem's closeness to the Jewish nation. How could it be that during the destruction of the Beis Hamikdosh, which indicates Hashem's withdrawal from the Jewish people, the Keruvim would be facing each other?

**6** **Chassidus explains the whole idea of** Golus with a משל of how a teacher gives information to his student. When a teacher is teaching, his entire focus and concentration is directed at the student, so he can explain the concept to the best of his ability, in a way the student will be able to understand. If, in the middle of teaching, a whole new concept was to flash in the teacher's mind, the teacher would be forced to "withdraw" his attention from the student, and focus on grasping that which just flashed in his mind. For if he were to push it off until later, all the thinking in the world wouldn't necessarily bring that insight back. The purpose of withdrawing from the student, in essence, is for the benefit of the student himself. The teacher is so committed to his student that he doesn't want him to miss out on this new concept, which just flashed before him. He therefore must temporarily "remove" himself from his student, so he can fully comprehend this new idea himself, and eventually give it over to his student.

## Translations. . .טייטש'ן

| | |
|---|---|
| Came into | זיינען אריין |
| Saw | געזען |
| Sent out | פאנאנדערגעשיקט |
| Amongst all the nations | צווישן אלע פעלקער |
| Look at what this nation serves | ראו למה אומה זו עובדת |
| That then | אז דעמאלט |
| **6** Is explained/ clarified | ווערט דערקלערט |
| A teacher giving over (an idea) to his student | השפעת הרב לתלמיד |
| Gives over a concept | משפיע שכל |
| Devoted | צוגעטראגן |
| Full attention | שימת לב |
| In middle | אינמיטן |
| Falls into (his mind) | פאלט אריין |
| A new | א נייער |
| Intellectual flash (breakthrough) | הבריקה השכל |
| Must | מוז |
| Devote/concentrate | צוטראגן |
| If | אויב |
| Right away | באלד |
| It becomes hidden/goes away | ווערט זי נתעלם |
| Later | שפעטער |
| Won't help | ניט העלפן |
| He wants | וויל ער |
| Can take | קענען נעמען |
| Give over | איבערגעבן |
| Focuses | משים לב |
| Weaker | שוואכער |
| **7** Higher | העכערער |
| Deeper | טיפערער |
| Exile and destruction | גלות און חורבן |
| No more than | מאר ניט ווי |
| The ultimate revelation | תכלית הגילוי |
| From this itself | פון דעם אליין |
| It is worthwhile | עס לוינט |
| Shows how great | ווייזט ווי גרויס |
| Dearness/value | יוקר |
| For a period of time | אויף א וויילע |
| So long as | אבי |
| Comes out | קומט אויס |
| Greater | גרעסער |
| This itself | דאס גופא |
| A proof | א באווייז |
| Greatness | גרויסקייט |
| Come to him | צו אים אנקומען |
| **8** According to this | לויט דעם |
| It is worthy | איז כדאי |
| Temporarily | לשעה |
| At the end | סוף כל סוף |

אַנקומען דער גילוי פון דער גאולה העתידה.

9 ה. אַ הכרח אויף דעם אַז אין פנימיות איז דאָס אַ גילוי אור, איז אויך פון דעם סדר הגלות. קוקנדיק אויפן סדר הגלות, זעט מען אַז דאָס איז ניט נאָר אַן ענין פון כפרה אויף חטאים עונות ופשעים, נאָר דאָ איז פאַראַן אויך אַן ענין פנימי.

אויב דער גאַנצער ענין פון גלות וואָלט געווען מער ניט ווי אַ כפרה אויף חטאים עונות ופשעים, דעמאָלט האָט געדאַרפט זיין דער סדר אַז פון צייט צו צייט זאָל דער גלות ווערן קלענער, וואָרום מיט יעדער שטיקל צייט אין גלות ווערט דאָך נתכפר אַ טייל פון חטאים עונות ופשעים, ובמילא איז וואָס ווייטער דאַרף דער גלות ווערן קלענער.

לפועל זעט מען אַז וואָס ווייטער ווערט דער גלות אַלץ גרעסער. דאָס זעען מיר סיי ביי גלות מצרים און סיי ביי דעם איצטערדיקן גלות.

גלות מצרים: אין מצרים זיינען די אידן געווען צוויי הונדערט און צען יאָר. די ערשטע זיבעצן יאָר איז געווען גאָר גוט, אויך נאָך דער פטירה פון יעקב'ן, איז כל זמן די שבטים האָבן געלעבט איז ניט גע־ווען קיין שעבוד, אויך נאָך מיתת השבטים, האָט זיך דער עיקר גלות המר אָנגעפאַנגען כשנולדה מרים[16], די לעצטע זעקס און אַכציק יאָר, פ"ו בגימטריא אלקים, און אין די זעקס און אַכציק יאָר גופא איז די גזירה פון תבן אין ניתן לעבדיך[17] געווען גאָר צום סוף, ווען עס איז שוין געוואָרן גאָר נאָענט צו דער גאולה — ומאז באתי אל פרעה וגו' הרע לעם הזה[18]).

אַזוי אויך אין איצטערדיקן גלות זעט מען אַז וואָס ווייטער ווערט דער גלות אַלץ שטאַרקער, און עס ווערט ווייניקער גילוי אלקות. בהת־חלת הגלות איז געווען דער גילוי על ידי התנאים, דערנאָך די אמוראים, און וואָס ווייטער ווערט דער העלם אַלץ גרעסער און גרעסער, ביז אַז בדורות האחרונים דעקבתא דמשיחא איז כמעט ווי גאָר קיין גילוי ניטאָ, וואָס דערפאַר הייסט עס מיטן נאָמען עקביים, וואָס אַן עקב איז אַן אבר וואָס אין אים איז ניטאָ קיין חיות (בגילוי), ווי עס שטייט אין אָבות דר' נתן[19]) אַז דער עקב איז דער מלאך המות שבאדם.

פון דעם סדר איז מובן אַז דער גלות איז ניט נאָר אַ כפרה אויף די עבירות, נאָר אין אים איז אויך דאָ אַן ענין פנימי. דער פנימיות ענין הגלות איז — גילוי אור חדש, ומצד דעם צוטראָג צום גילוי אור החדש ווערט דער אָפּטראָג פון דער השפעה, און דערפאַר, איז וואָס ווײ־טער, וואָס עס ווערט מערער דער צוטראָג צו דער גאולה העתידה, וואָס נענטער צו משיח'ן, ווערט דער גלות אַלץ שטאַרקער.

10 ו. לויט דעם וועט מען פאַרשטיין דאָס וואָס עס שטייט אין מדרש

16) שיר השירים רבה פרשה ב עה"פ כי הנה הסתיו עבר. פסיקתא רבתי פ' טו, יא.

17) שמות ה, טז.
18) דאָרט כג.
19) ענדע פרק לא.

**7** **It is understood, that the deeper the** concept, the more the teacher must "remove" himself from the student in order to fully comprehend it. What the student sees as the biggest display of betrayal really is an expression of the teacher's untiring dedication to the success of his student. The teacher considers it well worth it to remove his attention from his student temporarily so that eventually the student will be able to appreciate this novel idea.

**8** **This is also the idea of Golus. Although** it may seem that it is a time when our teacher (Hashem) has betrayed us, in reality, it is all part of a process of great revelation. Just like a teacher's withdrawal from a student is part of a process in which the student will receive something he wouldn't have been able to otherwise, so too Golus is a process through which we will be able to receive the revelations of Moshiach. The way we see Golus is only the external aspect, just as a student can't understand why his teacher has abandoned him. On a deeper level, however, it is an expression of Hashem's love for us and part of a process which will prepare us for the greatest revelations.

**9** **A proof for this theory is the fact that** throughout Golus, the plight of the Jewish people is constantly deteriorating. If the whole purpose of Golus is to act as atonement for our Aveiros, the Golus should be getting easier as we atone for our Aveiros. We see that just the opposite is the case; as the years go by, Golus becomes more and more difficult. This was true in the times of Golus Mitzrayim and also applies to our present day Golus. As the years go by we find ourselves in unprecedented darkness. As we explained previously, the more the teacher is involved in comprehending the new concept which "flashed" in his mind, the greater the feeling of betrayal will be by the student. The same applies to Golus. As we come closer to the time of Geulah, the concentration on those revelations becomes greater, and as a result, the Golus becomes stronger.

**10** **We can now understand why the** Keruvim were facing each other during the time of the destruction of the Beis Hamikdosh. The way we perceive Golus is based on our very external, limited view. We therefore view it as "betrayal" and "withdrawal", just as the student assumes it

## Translations. . .טייטש'ן

| | |
|---|---|
| 9 Proof | הכרח |
| The order of (events in) exile | סדר הגלות |
| Looking/observing | קוקנדיק |
| One sees | זעט מען |
| There is also | איז פאראן אויך |
| Would have been | וואלט געווען |
| Then | דעמאלט |
| Had to have been | האט געדארפט זיין |
| From time to time | פון צייט צו צייט |
| Become smaller | ווערן קלענער |
| A portion | א טייל |
| However (much) further | וואס ווייטער |
| Present day | איצטערדיקן |
| Two hundred and ten | צווי הונדערט און צען |
| First seventeen | ערשטע זיבעצן |
| Were living | האבן געלעבט |
| After | נאך |
| The bitter Golus | גלות המר |
| Began | אנגעפאנגען |
| Last 86 | לעצטע זעקס און אכציק |
| Straw is not given to your servants | תבן אין ניתן לעבדיך |
| At the very end | גאר צום סוף |
| Very close | גאר נאענט |
| Stronger | שטארקער |
| Becomes smaller/ diminishes | עס ווערט ווינציקער |
| Afterward | דערנאך |
| Almost/as if | כמעט |
| Therefore | דערפאר |
| It is called | הייסט עס |
| Heals | עקביים |
| Because of the focus/ concentration | מצד דעם צוטראג |
| Causes a removal | ווערט דער אפטראג |
| It becomes more/stronger | עס ווערט מערער |
| Closer | נענטער |

אַז בשעת די גויים זיינען אַריין אין קדשי הקדשים האָבן זיי געזען די כרובים כמער איש ולויות, וואָרום דער גאַנצער ענין הגלות איז דאָס נאָר בחיצוניות אין סדר השתלשלות, אָבער ווי דאָס איז אין פנימיות, איז דאָס תכלית הגילוי. דערפאַר איז אין קדשי הקדשים, דער אָרט פון פנימיות, דאָרטן איז דעמאָלט געווען דער מעמד הכרובים פניהם איש אל אחיו, אין פנימיות איז עס אַן עת רצון כנ"ל.

11 און דאָס איז אויך דער טעם אַז בשעת ברית בין הבתרים האָט זיך גערעדט וועגן גלות, וואָרום אין פני-מיות איז דאָס אַן ענין פון תכלית הגילוי. בשעת ברית בין הבתרים, בשעת עס האָט מאיר געווען די אהבה עצמית, איז געווען די בשורה אויף די גילויים פון דער גאולה העתידה, נאָר ווי דאָס איז אַרויס-געקומען אין סדר ההשתלשלות, איז דאָס אַן ענין פון גלות.

12 ז. די הוראה פון דעם אין עבודה איז:

ניט קוקנדיק אויפן חושך הגלות, אַז וואָס ווייטער ווערט דער גלות אַלץ שטאַרקער ביז אַז המלכות תה-פך למינות[20], וואָס עס איז נאָך קיין מאָל ניט געווען אַזאַ חושך, פונ-דעסטוועגן דאַרף מען ניט נתפעל ווערן, ווייסנדיק אַז דאָס וואָס דער חושך איז גרעסער איז דאָס מצד דעם וואָס מען ווערט נענטער צום אור הגאולה.

און בכדי אַראָפּטראָגן דעם אור הגאולה בפועל דאָ למטה צום מקבל, פאָדערט זיך ביי דעם תלמיד צוויי ענינים: א) די ידיעה, ער זאָל וויסן אַז דער העלם וסילוק איז דאָס נאָר אין חיצוניות, אָבער אין פנימיות איז דאָס תכלית הגילוי. ב) די התקשרות וצמאון צום רב, אַז ניט קוקנדיק וואָס אין חיצוניות האָט זיך דער רב אָפּגעטראָגן, פונדעסטוועגן דאַרף דער תלמיד שטיין מיט אַ התקשרות וצמאון צום רב, אַזוי ווי בשעת ההשפעה, און נאָך מערער. ווי דער אַלטער רבי פלעגט זאָגן בשעת דבי-קותו: „מי לי בשמים גו' איך וויל זע גאָר ניסט איך וויל ניט דיין גן עדן איך וויל ניט דיין עולם הבא כו' איך וויל מער ניט אַז דיך אַליין"[21], וואָס דורך דעם צמאון ווערט דער גילוי אור החדש צום מקבל, אין דער גאולה העתידה במה-רה בימינו.

(משיחות ש"פ מטו"מ, תשט"ז)

לקו"ש ח"ב ע' 359–363

# פרשת ואתחנן

א. (אין) דער הייניטיקער סדרה שטייט: אז יבדיל משה שלש ערים וגו' לנוס שמה רוצח וגו', וואָס דאָס איז דער ענין פון ערי מקלט).

די וועגן וועלכע פלעגן פירן צו די ערי מקלט, זיינען געווען דרכים מתוקנים, זיי זיינען געווען ברייט

---

20) סוטה מט, ב.

21) תהלים עג, כה. שורש מצות התפלה להצמח צדק פרק מ.

about his teacher. If we look a little deeper into the reality of what is happening we see that it is all a display of the kindness of Hashem. Therefore, in the Kodesh Hakodoshim, the place where G-dliness was totally revealed and open, the Keruvim were facing each other, because all that was felt there was the inner meaning of the beginning of Golus, the love of Hashem.

11 **This also answers our original** question regarding the mention of Golus during the time of the Bris Bein Habesarim. Now that we understand that Golus is really an expression of Hashem's deep love for the Jewish people, and His desire to reveal to us the greatest levels of G-dliness, we no longer view Golus as "evil", but rather a stage in achieving Hashem's goal. During the covenant, Hashem was informing Avraham about the future that awaits the Jewish people. The fact that Golus was also mentioned then was just as part of the process. So it wasn't intended as a warning about future suffering, but rather Hashem informing Avraham that great things await his children.

12 **The lesson we take from this is** that we must not let ourselves be affected by the dark times in which we find ourselves. We must constantly remember that the darker it seems, the closer we are getting to Geulah. In order to actually bring about the Geulah we must do two things: 1) Always remember that our perception of Golus is just an external view of the kindness Hashem is showing us. 2) We must constantly remain connected with our "teacher"-Hashem, even at the time when He may seem "removed". Through our yearning to remain connected to Hashem even at a time when we cannot feel His closeness, we will bring about the actual revelation of Moshiach Tzidkeinu. May it be speedily in our days!!

## Translations. . .טייטש'ן

10
They saw . . . . . . . . האבן זיי געזען
How it is . . . . . . . . . . . ווי דאס איז
The place . . . . . . . . . . . דער ארט
There . . . . . . . . . . . . . . . . דארטן

11
It was spoken . . האט זיך גערעדט
Since . . . . . . . . . . . . . . . . . ווארום
Regarding the revelations . . . . . . . . . אויף די גילויים
But . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . נאר
How it came out/ expressed itself . . . ווי דאס איז ארויסגעקומען

12
Notwithstanding . . . ניט קוקנדיק
The Golus becomes . . . . . . . . . . . . . . . ווערט דער גלות
Until . . . . . . . . . . . . . . . . . . . ביז
The government will turn to heretics . . . . . . המלכות תהפך למינות
At no other time did it exist . . . נאך קיין מאל ניט געווען
Nevertheless . . . . . פונדעסטוועגן
Not be effected . . ניט נתפעל ווערן
Knowing . . . . . . . . . . . . ווייסנדיק
We are coming closer . . . . . . . . . מען ווערט נענטער

Draw down . . . . . . . . אראפטראגן
It is demanded . . . . . פאדערט זיך
He should know . . . . ער זאל וויסן
The connection and "thirst" . . . . . . . . . . . . . דער התקשרות וצמאון
Stand . . . . . . . . . . . . . . . . שטיין
I don't want all this . . . . . . . . . . . . . . . איך וויל זע גאר ניסט
I don't want your... . . . . . . . . . . . . איך וויל ניט דיין
Nothing besides you alone . . . . . . . . . . . . מער ניט אז דיך אליין

מער דאַרף זיין דער צוטראָג צו אים, ובמילא ווערט אַלץ מערער דער אָפּ־טראָג פון דעם תלמיד בשעה זו, ביז אַז ביי דעם תלמיד ווערט אַן ענין פון גלות און חורבן.

**דאָס איז אָבער מער ניט ווי אין חיצוניות, אָבער אין פנימיות הענין איז דאָך דאָס דער תכלית הגילוי, ואדרבה, פון דעם אַליין וואָס עס לוינט דעם רב צוליב טובת התלמיד אָפּ־טראָגן זיך פון דעם תלמיד צוליב מקבל זיין דעם שכל החדש, דאָס אַליין ווייזט ווי גרויס איז דער יוקר פון דעם נייעם שכל, ביז אַז עס איז כדאי אַז אויף אַ ווײַלע זאָל ווערן ביי דעם תלמיד אַן ענין פון גלות וחורבן, אַבי אַז סוף כל סוף זאָל מען קענען מגלה זיין דעם תל־מיד דעם נייעם שכל.**

**קומט אויס, אַז וואָס דער העלם איז גרעסער, איז דאָס גופא אַ באַ־ווייז אויף די גרויסקייט פון דעם גילוי, אַז דער שכל החדש איז יקר ביותר, ומצד גודל אהבתו להתלמיד וואָס ער וויל אים מגלה זיין דעם נייעם שכל, איז כדאַי אַז לשעה זאָל זיין אַ העלם וסילוק, אַבי אַז סוף כל סוף זאָל צו אים אָנקומען דער נייער שכל.**

**לויט דעם וועט מען פאַרשטיין די פנימיות ענין הגלות, אַז הגם אַז אין חיצוניות איז עס אַ גלות וחורבן, אָבער אין פנימיות איז דאָס תכלית הגילוי ביותר, דער גילוי פון דער גאולה העתידה, ומצד דעם גילוי פון דער גאולה העתידה איז כדאַי אַז לשעה זאָל זיין אַ גלות וחורבן בחי־צוניות, אַבי אַז סוף כל סוף זאָל אָנקומען דער גילוי פון דער גאולה העתידה.**

ה. אַ הכרה אויף דעם אַז אין פנימיות איז דאָס אַ גילוי, אור, איז אויך פון דעם סדר הגלות. קוקנדיק אויפן סדר הגלות, זעט מען אַז דאָס איז ניט נאָר אַן ענין פון כפרה אויף חטאים עונות ופשעים, נאָר דאָ איז פאַראַן אויך אַן ענין פנימי.

אויב דער גאַנצער ענין פון גלות וואָלט געווען מער ניט ווי אַ כפרה אויף חטאים עונות ופשעים, דעמאָלט האָט געדאַרפט זיין דער סדר אַז פון צייט צו צייט זאָל דער גלות ווערן קלענער, וואָרום מיט יעדער שטיקל צייט אין גלות ווערט דאָך נתכפר אַ טייל פון חטאים עונות ופשעים, ובמילא איז וואָס ווייטער דאַרף דער גלות ווערן קלענער.

לפועל זעט מען אַז וואָס ווייטער ווערט דער גלות אַלץ גרעסער. דאָס זעען מיר סיי ביי גלות מצרים און סיי ביי דעם איצטערדיקן גלות.

גלות מצרים: אין מצרים זיינען די אידן געווען צוויי הונדערט און צען יאָר. די ערשטע זיבעצן יאָר איז געווען גאָר גוט, אויך נאָך דער פטירה פון יעקב'ן, איז כל זמן די שבטים האָבן געלעבט איז ניט גע־ווען קיין שעבוד, אויך נאָך מיתת השבטים, האָט זיך דער עיקר גלות המר אָנגעפאַנגען כשנולדה מרים[16], די לעצטע זעקס און אַכציק יאָר, פ"ו בגימטריא אלקים, און אין די זעקס און אַכציק יאָר איז גופא די

16) שיר השירים רבה פרשה ב עה"פ כי הנה הסתיו עבר. פסיקתא רבתי פ' טו, יא.

## A selected section of the Sicha with a linear translation

## Translations. . .טייטש'ן

| | |
|---|---|
| about the greatness | אויף די גרויסקייט |
| of the revelation, | פון דעם גילוי |
| that the new concept | אז דער שכל החדש |
| is extremely precious, | איז יקר ביותר |
| and out of his great love for the student | ומצד גודל אהבתו להתלמיד |
| that he wants | וואס ער וויל |
| to reveal to him | אים מגלה זיין |
| the new concept, | דעם נייעם שכל |
| it is worthwhile | איז כדאי |
| that for a period of time | אז לשעה |
| there should be a concealment and "removal", | זאל זיין א העלם וסילוק |
| so long as at the end | אבי אז סוף סוף |
| it will come to him (the student) | זאל צו אים אנקומען |
| the new concept. | דער נייער שכל |
| According to this | לויט דעם |
| we will understand | וועט מען פארשטיין |
| the inner idea of exile. | די פנימיות ענין הגלות |
| That although | אז הגם |
| externally | אז אין חיצוניות |
| it is an exile and a destruction, | איז עס א גלות וחורבן |
| but internally | אבער אין פנימיות |
| it is the ultimate revelation, | איז דאס תכלית הגילוי ביותר |
| the revelation | דער גילוי |
| of the future redemption. | פון דער גאולה העתידה |
| And because of the revelation | ומצד דעם גילוי |
| of the future redemption, | פון דער דער גאולה העתידה |
| it is worthwhile | איז כדאי |
| that for a period of time | אז לשעה |
| it should be an exile and destruction externally, | זאל זיין א גלות וחורבן בחיצוניות |
| as long as at the end | אבי אז סוף כל סוף |
| it will come about | זאל אנקומען |
| the revelation | דער גילוי |
| of the future redemption. | פון דער גאולה העתידה |

| | |
|---|---|
| But this is | דאס איז אבער |
| no more | מער ניט |
| than externally, | ווי אין חיצוניות |
| but in the inner dimension | אבער אין פנימיות הענין |
| this is the ultimate revelation. | איז דאך דאס דער תכלית הגילוי |
| And on the contrary, | ואדרבה |
| from this itself | פון דעם אליין |
| that it is worthwhile (for) the teacher, | וואס עס לוינט דעם רב |
| for the benefit of the student, | צוליב טובת התלמיד |
| to "remove" himself | אפטראגן זיך |
| from the student, | פון דעם תלמיד |
| in order (that he will be able) to receive | צוליב מקבל זיין |
| the new concept, | דעם שכל חדש |
| this itself shows | דאס אליין ווייזט |
| how great | ווי גרויס |
| is the dearness | איז דער יוקר |
| of the new concept, | פון דעם נייעם שכל |
| until (the point) | ביז |
| that it is worthwhile | אז עס איז כדאי |
| that for a period of time | אז אויף א ווייל |
| it will be | זאל ווערן |
| by the student | ביי דעם תלמיד |
| the idea/feeling of "exile" and "destruction", | אן ענין פון גלות וחורבן |
| so long as | אבי אז |
| at the end | סוף כל סוף |
| (the teacher) will be able to reveal | זאל מען קענען מגלה זיין |
| (to) the student the new concept. | דעם תלמיד דעם נייעם שכל |
| Comes out, | קומט אויס |
| that however much greater the concealment is, | אז וואס דער העלם איז גרעסער |
| this itself | איז דאס גופא |
| is a proof | א באווייז |

5 Why were the Kruvim facing each other during the חורבן?

6 Why did Hashem mention Golus during the ברית בין הבתרים?

7 How can we bring about the actual revelation of Moshiach?

## Test Your Knowledge

1 Why would two friends make a covenant?

2 How were the Kruvim positioned during the time of the destruction? Why is this strange?

3 Explain the Moshol of a teacher and his student, and how it applies to Golus.

4 How do we know Golus isn't just atonement for our Aveiros?

## Notes & Feedback:

לעילוי נשמת

התינוק

זאב ארי' בן יבל"ט שניאור זלמן

גליק נפטר ב' אב ה'תשע"ג

ת.נ.צ.ב.ה.

BACK2**BASICS**

seeing the Parsha like the Rebbe does


Cover:
**Leibel Krinsky**

Content:
**Dovid Rachmani**

Layout:
**Menachem Aron**



Subscription or Sponsorship: B2BSICHOS@GMAIL.COM

© B2B Sichos